בעזרת השם יתברך

פרשת
מטות - מסעי
(בא"י מסעי)
ב מנחם-אב
שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 3, גליון 34
(86)

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון

פאר'ן שבת טיש



ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

**שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א. אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה יב, מִבַּעַל תְּפִלָּה.**

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

הָאבִּין זֵיי אִים גִיפְרֶעגְט וואוּ אִיז עֶרְגֶעץ דֶער מֶלֶךְ. טָאמֶער וֶועט עֶר אוּנְז וַוייזִין אַ וֶועג. ווִי מֶען זָאל גִיפִינֶען גֶעלְט. הָאט עֶר זֵיי גִיעֶנְפֶערְט. נָאךְ ווִילְט אִיר גֶעלְט (מִיט אַ לָשׁוֹן ווִי אֵיינֶער פַארְווִינֶדֶערְט זִיךְ אוּן בֵּייזֶערְט זִיךְ) פוּן גֶעלְט שְׁמוּסְט גָאר נִיט. הָאבְּן זֵיי אִים גִיפְרֶעגְט. פוּן דֶעסְטְוֶועגִין פָּארְט. זָאג אוּנְז ווִי דֶער מֶלֶךְ אִיז. הָאט עֶר זֵיי גִיעֶנְפֶערְט. אִיךְ וֵויים אוֹיךְ נִיט פוּן דֶעם מֶלֶךְ ווִי עֶר אִיז. אוּן דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַזוֹי גִיוֶוען.

אַמָאל אִיז גִיוֶוען אַ מֶלֶךְ מִיט אַ מַלְכָּה. אוּן זֵיי הָאבִּין גִיהַאט אַ בַּת יְחִידָה. אוּן סֶע גִיקוּמֶען נָאהֶנְט צוּ דֶער צַייט וָואס מֶע הָאט אִיר בַּאדַארְפְט חֲתוּנָה צוּ מַאכִין. הָאט מֶען גִיזֶעצְט יוֹעֲצִים מֶען זָאל אֵיין עֵצָה הַאלְטִין. וֶועמֶען מֶען זָאל אִיר גֶעבִּין אוּן אִיךְ בִּין דָארְט אוֹיךְ גִיוֶוען צְווִישְׁן דִי יוֹעֲצִים (דְהַיְינוּ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ פַאר זֵיי) וָוארִין דֶער מֶלֶךְ. הָאט מִיךְ לִיבּ גִיהַאט.

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵייעֶר לִיבּ וֶוער עֶס רֶעדְט צוּ אִים

דֶער קֶענִיג הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵייעֶר לִיבּ וֶוער עֶס רֶעדְט צוּ אִים.

אִיז מַיין עֵצָה גִיוֶוען אַז מֶען זָאל אִיר גִיבִּין דֶעם גִבּוֹר.

## דִי אִידְן זֶענֶען שְׁטַארְק

מוֹהֲרַאנַ"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז מַסְבִּיר (אִין סֵפֶר נַחֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן), אַז דִי 'בַּת מַלְכָּה' דָאס אִיז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעפְרֶעגְט פַאר וֶועמֶען מֶען זָאל גֶעבְּן דִי תּוֹרָה, פַאר דִי גוֹיִ'אִישֶׁע פֶעלְקֶער אָדֶער פַאר דִי אִידְן, הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גֶעזָאגְט מֶען זָאל אִיר גֶעבְּן פַארְ'ן גִבּוֹר, וָואס דָאס זֶענֶען דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בֵּיצָה כה:): "**מִפְּנֵי מַה נִתְּנָה תּוֹרָה לְיִשְׂרָאֵל? מִפְּנֵי שֶׁהֵן עַזִּין**", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר דִי אִידְן וַוייל זֵיי זֶענֶען שְׁטַארְק, דִי אִידְן שְׁטַארְקְן זִיךְ מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ אַיינְצוּהַאלְטְן דִי תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת.

וָוארִין דֶער גִבּוֹר הָאט אוּנְז גִיטָאן כַּמָּה טוֹבוֹת. וָוארִין עֶר הָאט אַיינְגִינוּמֶען כַּמָּה מְדִינוֹת אִיבֶּער דֶעם קֶער מֶען אִים צוּ גִיבִּין דִי בַּת מַלְכָּה פַאר אֵיין וַוייבּ. אִיז מַיין עֵצָה זֵייעֶר גִיפֶעלִין. אוּן זֵיי הָאבִּין אַלֶע דְרוֹיף מַסְכִּים גִיוֶוען. אוּן סֶע אִיז דָארְט גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה. וָואס מֶען הָאט גִיפוּנֶען אַ חָתָן צוּ דֶער בַּת מַלְכָּה. הָאט מֶען דֶער בַּת מַלְכָּה חֲתוּנָה גִימַאכְט מִיט דֶעם גִבּוֹר. הָאט דִי בַּת מַלְכָּה גִיהַאט אַ קִינְד. אוּן דָאס קִינְד אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר אַ ווִילְד גְרוֹיסֶער פַּארְשׁוֹין. וָואס סֶע אִיז גָאר קֵיין מֶנְטְשְׁלִיךְ שֵׁיינְקֵייט נִיט גִיוֶוען. אוּן זַיינֶע הָאר זֶענֶען גִיוֶוען פוּן גָאלְד. אוּן הָאבִּין גִיהַאט אַלִירְלֵיי פַארְבִּין. אוּן זַיין פָּנִים אִיז גִיוֶוען אַזוֹי ווִי דִי זוּנֶען. אוּן זַיינֶע אוֹיגִין זֶענֶען גִיוֶוען אַנֶדֶערֶע אוֹרוֹת (כְּלוֹמַר לֶעכְטִין) אוּן דָאס קִינְד אִיז גִיבּוֹירִין גִיוָוארִין מִיט גְרֵייטֶער חָכְמָה וָוארִין מֶען הָאט אִין אִים גֶעזֶעהְן תֵּיכֶּף ווִי עֶר אִיז גִיבּוֹירִין גִיוָוארְן. אַז עֶר אִיז שׁוֹין אַ גְרוֹיסֶער חָכָם. וָוארִין אַז מֶענְטְשְׁן הָאבִּין גִישְׁמוּסְט. דָארְטִין ווִי מֶע הָאט בַּאדַארְפְט לַאכִין. הָאט עֶר גִילַאכְט. אוּן אַזוֹי דֶעסְט גְלַייכִין אַנֶדֶערֶע זַאכִין. מֶע הָאט אִין אִים דֶערְקֶענְט אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער חָכָם. נָאר עֶר הָאט נָאךְ נִיט דִי תְּנוּעוֹת פוּן אַ גְרוֹיסִין. דְהַיְינוּ עֶר קָאן נָאךְ נִיט רֵיידִין אוּן אַזוֹי אַנֶדֶערֶע זַאכִין. אָבֶּער דָאס הָאט מֶען אָנְגִיזֶעהְן תֵּיכֶּף אַז עֶר אִיז שׁוֹין אַ גְרוֹיסֶער חָכָם.

אוּן בַּיי דֶעם מֶלֶךְ אִיז גִיוֶוען אַ מֵלִיץ. דְהַיְינוּ אַ רֵיידֶער אַ בַּעַל לָשׁוֹן וּמְלִיצָה. וָואס עֶר הָאט גִיקֶענְט רֵיידִין זֵייעֶר שֵׁיינֶע רֵייד. זֵייעֶר שֵׁיינֶע שְׁפְּרַאכִין אוּן שִׁירוֹת אוּן תּוּשְׁבָּחוֹת צוּם מֶלֶךְ. אוּן דֶער מֵלִיץ אִיז אַלֵיין אוֹיךְ גִיוֶוען אַ שֵׁיינֶער מֵלִיץ נָאר דֶער מֶלֶךְ הָאט אִים גְווִיזִין דֶעם שְׁלַייךְ אוּן דֶעם וֶועג פוּן וַואנֶען עֶר זָאל נֶעמֶען דֶעם כֹּחַ פוּן דֶער חָכְמָה פוּן מְלִיצָה. אוּן דוּרְךְ דֶעם אִיז עֶר גִיוֶוען זֵייעֶר אַ ווִילְד גְרוֹיסֶער מֵלִיץ.

ווִידֶער הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיהַאט אַ חָכָם. אוּן דֶער חָכָם. אִיז אַלֵיין אוֹיךְ גִיוֶוען אַ חָכָם. נָאר דֶער מֶלֶךְ הָאט אִים גְווִיזִין אַוֶועג פוּן וַואנֶען עֶר זָאל נֶעמֶען חָכְמָה. אוּן דוּרְךְ דֶעם אִיז עֶר גִיוֶוען זֵייעֶר אַ ווִילְד גְרוֹיסֶער חָכָם. אוּן אַזוֹי דֶער גִבּוֹר אִיז גִיוֶוען אַלֵיין אַ גִבּוֹר. נָאר דֶער מֶלֶךְ הָאט אִים גְווִיזִין דֶעם וֶועג פוּן וַואנֶען עֶר זָאל נֶעמֶען גְבוּרָה. אוּן דוּרְךְ דֶעם אִיז עֶר גִיוֶוען זֵייעֶר אַ ווִילְד גְרוֹיסֶער גִבּוֹר.

וָוארִין סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין אַ שְׁוֶוערְד וָואס זִי הֶענְגְט אִין

דֶער לוֹפְטִין. אוּן דִי שְׁוֶוערְד הָאט דְרַיי כֹּחוֹת. אַז מֶע הֵייבְּט אוֹיף דִי שְׁוֶוערְד. אַזוֹי צוּ לוֹיפִין זִיךְ אַלֶע עֶלְצְטֶע פוּן דֶעם חַיִל. הָאבִּין זֵיי שׁוֹין מְמַלֵא אַ מַפָּלָה (דְהַיְינוּ דִי שׂוֹנְאִים) וָוארִין אַז דִי עֶלְצְטֶע אַנְטְלוֹיפִין. הָאט קֵיינֶער נִיט צוּ פִירִין דִי מִלְחָמָה הָאבִּין זֵיי שׁוֹין בְּוַדַאי אַ מַפָּלָה. נָאר פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָּארְט. וָואלְטִין אֶפְשָׁר פָּארְט דִי אִיבְּרִיקֶע גִיקָאנְט עֶפֶּעס נָאךְ מִלְחָמָה הַאלְטִין. הָאט אָבֶּער דִי שְׁוֶוערְד צְוֵויי שַׁארְפִין. אוּן זֵיי הָאבִּין צְוֵויי כֹּחוֹת. דוּרְךְ אֵיין שַׁארְף פַאלִין זֵיי אַלֶע. אוּן דוּרְךְ דֶער אַנְדֶערֶער שַׁארְף קְרִיגִין זֵיי דִי דָאר. (דְהַיְינוּ דִי שׂוֹנְאִים וָואס מֶען הַאלְט מִיט זֵיי מִלְחָמָה) דְהַיְינוּ זֵיי וֶוערִין מָאגֶער אוּן דָאס לַייבּ פַאלְט זֵיי אָפּ. אַזוֹי וִוי דִי קְרֶענְק אִיז רַחְמָנָא לִיצְלַן. אוּן נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶע טוּט אַ מַאךְ מִיט דֶער שְׁוֶוערְד דָארְט וִוי זִי אִיז קְרִיגִין שׁוֹין דִי שׂוֹנְאִים דִי זַאכִין הַנַ"ל דְהַיְינוּ דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶע מַאכְט מִיט דֶער שַׁארְף הָאבִּין דִי שׂוֹנְאִים גָאר אַ מַפָּלָה. אוּן דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶע מַאכְט מִיט דֶער אַנְדֶערֶער שַׁארְף. קְרִיגִין דִי שׂוֹנְאִים דִי דָאר כַּנַ"ל. אוּן דֶער מֶלֶךְ הָאט גְוִיזִין דֶעם גִבּוֹר. דֶעם וֶועג וָואס סֶע אִיז פַאר הַאנְדִין צוּ דֶער שְׁוֶוערְד. אוּן פוּן דָארְט הָאט עֶר גִינוּמֶען זַיין גְרוֹיסֶע גְבוּרָה. אוּן מִיר הָאט דֶער מֶלֶךְ אוֹיךְ גְוִיזִין דֶעם וֶועג פוּן וַואנֶען אִיךְ זָאל נֶעמֶען מַיין זַאךְ. הָאבּ אִיךְ גִינוּמֶען פוּן דָארְט דָאס וָואס אִיךְ בַּאדַארְף (כְּלוֹמֶר דֶער בַּעַל תְּפִלָּה וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ הָאט עֶר גִיזָאגְט אַז אִים הָאט אוֹיךְ דֶער מֶלֶךְ גְוִיזִין דֶעם וֶועג פוּן וַואנֶעט עֶר זָאל נֶעמֶען זַיין זַאךְ דְהַיְינוּ תְּפִלָּה).

## דִי זַאךְ פוּן 'תְּפִלָּה'

דֶער קֶענִיג הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר'ן בַּעַל תְּפִלָּה דִי זַאךְ פוּן 'תְּפִלָּה', אַז מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן פָּשׁוּטְ'ן שְׁפְּרַאךְ אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ חַבֵר.

אוּן אַזוֹי הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיהַאט אֵיין אוֹהֵב נֶאֱמָן (כְּלוֹמֶר אַ גוּטְן פְרַיינְט אַ גִיטְרַייעֶן) וָואס עֶר הָאט זִיךְ לִיבּ גִיהַאט מִיט דֶעם מֶלֶךְ מִיט זֵייעֶר גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט זֵיי הָאבִּין זִיךְ אַזוֹי לִיבּ גִיהַאט. בִּיז זֵיי הָאבִּין נִיט גִיקֶענְט זַיין אֵיינֶער אָן דֶעם אַנְדֶערִין אַז זֵיי זָאלִין זִיךְ אַ שָׁעָה נִיט זֶעהְן. נָאר סֶע אִיז זִיךְ אָבֶּער פָּארְט פַארְהַאנְדִין צַייט וָואס מֶע מוּז נִיט זַיין אִין אֵיינֶעם. הָאבִּין זֵיי גִיהַאט פַּאטְרֶעטִין. וָואס דָארְט אִיז גִיוֶוען אוֹיסְגִימָאלְט זֵייעֶרֶע בֵּיידֶע צוּרוֹת. פְלֶעגִין זֵיי זִיךְ מְשַׁעְשֵׁעַ זַיין (כְּלוֹמֶר תַּעֲנוּג אוּן נַחַת הָאבִּין) מִיט דִי צוּרוֹת דֶעמוּלְט אַז זֵיי הָאבִּין זִיךְ נִיט גִיקָאנְט זֶעהְן. אוּן דִי צוּרוֹת זֶענֶען גִיוֶוען אַזוֹי אוֹיס גִימָאלְט אַזוֹי וִוי דֶער מֶלֶךְ מִיט דֶעם אוֹהֵב נֶאֱמָן הָאבִּין זִיךְ לִיבּ אוּן וִוי זֵיי קוּשִׁין זִיךְ אוּן הַאלְדְזִין זִיךְ מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט. אוּן דִי פַּאטְרֶעטִין הָאבִּין אִין זִיךְ אַ סְגוּלָה גִיהַאט. אַז וֶוער סֶע הָאט גִיקוּקְט אוֹיף דִי צוּרוֹת הָאט עֶר גִיקְרִיגִין גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט (כְּלוֹמֶר דִי מִדָה פוּן אַהֲבָה הָאט מֶען גִיקְרִיגִין אַז מֶע הָאט גִיקוּקְט אוֹיף דִי צוּרוֹת) אוּן דֶער אוֹהֵב נֶאֱמָן הָאט אוֹיךְ גִינוּמֶען דִי אַהֲבָה (דְהַיְינוּ דָאס לִיבְּשַׁאפְט) פוּן דֶעם אָרְט וָואס דֶער מֶלֶךְ הָאט אִים גְוִיזִין. אִיז גִיקוּמֶען אַ צַייט. וָואס דִי אַלֶע זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אִיטְלִיכֶער אִין זַיין אָרְט אַרַיין. אַז עֶר זָאל דָארְט נֶעמֶען זַיין כֹּחַ פוּן זַיין זַאךְ. דְהַיְינוּ דֶער מֵלִיץ אוּן דֶער גִבּוֹר אוּן דִי אַלֶע לַייט פוּן דֶעם מֶלֶךְ אִיז אִטְלִיכֶער גִיגַאנְגֶען אִין זַיין אָרְט אַרַיין עֶר זָאל דָארְט בַּאנַייעֶן זַיין כֹּחַ.

וַיְהִי הַיּוֹם אִיז גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶער רוּחַ סְעָרָה (דְהַיְינוּ אַ שְׁטוּרֶעם וִוינְט) אוֹיף דֶער וֶועלְט. אוּן דֶער רוּחַ סְעָרָה הָאט מְבַלְבֵּל גִיוֶוען (כְּלוֹמֶר פַארְמִישְׁט) גָאר דִי וֶועלְט. אוּן עֶר הָאט אִיבֶּער גִיקֶערְט פוּן יַם יַבָּשָׁה אוּן פוּן יַבָּשָׁה יַם. אוּן פוּן מִדְבָּר יִישׁוּב אוּן פוּן יִישׁוּב מִדְבָּר. אוּן עֶר הָאט גָאר דִי וֶועלְט אִיבֶּער גִיקֶערְט. אוּן דֶער רוּחַ סְעָרָה אִיז אַרַיין צוּם מֶלֶךְ אִין שְׁטוּבּ אַרַיין. אוּן דֶער רוּחַ סְעָרָה הָאט דָארְט גָאר נִיט גִיטָאן (כְּלוֹמֶר עֶר הָאט דָארְט בַּאם מֶלֶךְ קֵיין שׁוּם שָׁאדִין נִיט גִיטָאן) נָאר עֶר אִיז אַרַיין (דֶער רוּחַ סְעָרָה) אוּן הָאט אַוֶועק גִיחַאפְּט דָאס קִינְד פוּן דֶער בַּת מַלְכָּה הַנַ"ל. אוּן אִין דֶעם אוּמְפִּיט. תֵּיכֶף וִוי עֶר הָאט אַוֶועג גִיחַאפְּט דָאס טַייעֶר קִינְד. אִיז תֵּיכֶף דִי בַּת מַלְכָּה נָאךְ (כְּלוֹמֶר דִי בַּת מַלְכָּה הָאט תֵּיכֶף אָנְגִיהוֹיבִּין נָאךְ לוֹפִין נָאךְ דֶעם קִינְד זִי זָאל עֶס קְרִיק חַאפִּין. אִיז זִי אוֹיךְ עֶרְגִיץ אַוֶועק אוּן מֶע וַוייסְט נִיט וִוי) אוּן אַזוֹי דִי מַלְכָּה. אוּן אַזוֹי דֶער מֶלֶךְ זֶענֶען אַלֶע נָאךְ. נָאךְ דֶעם קִינְד. בִּיז זֵיי זֶענֶען אַלֶע צוּשְׁפְּרֵייט גִיוָוארִין. אוּן מֶע וֵוייסְט נִיט וואוּ זֵיי זֶענֶען. אוּן מִיר אַלֶע זֶענֶען דֶערְבַּיי גָאר נִיט גִיוֶוען. וָוארִין מִיר זֶענֶען דֶעמוּלְט אַוֶועק גִיגַאנְגֶען אִיטְלִיכֶער אִין זַיין אָרְט אַרַיין צוּ בַּיי נַייעֶן זַיין כֹּחַ כַּנַ"ל. אוּן וִוי מִיר זֶענֶען צוּרִיק גִיקוּמֶען. הָאבִּין מִיר זֵיי אַלֶע שׁוֹין נִיט גִיפוּנֶען כַּנַ"ל. אוּן דִי יַד אִיז אוֹיךְ פַארְפַאלִין גִיוָוארִין דֶעמוּלְט. אוּן פוּן דֶעמוּלְט אָן. זֶענֶען מִיר אַלֶע צוּשְׁפְּרֵייט גִיוָוארִין. אוּן מִיר קֶענֶען שׁוֹין נִיט גֵיין אִיטְלִיכֶער אִין זַיין אָרְט אַרַיין. צוּ בַּאנַייעֶן זַיין כֹּחַ. וָוארִין אַז דִי וֶועלְט אִיז שׁוֹין אִיבֶּער גִיקֶערְט גִיוָוארִין. בַּאדַארְף מֶען זִיךְ שׁוֹין אַנְדֶערֶע וֶועגִין הַיינְט.

## אַ נַייעֶ וֶועג

דָא אִיז דֶער רֶבִּי מְרַמֵז אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ, אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען הָאט גֶעקֶענְט צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ קִינְדֶער, אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ; אָבֶּער אַז דִי וֶועלְט אִיז גֶעוָוארְן אִיבֶּער גֶעקֶערְט דַארְף מֶען שׁוֹין הָאבְּן אַ נַייעֶ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ בַּאקוּמֶען דִי אַלֶע כֹּחוֹת. דָאס אִיז דִי זַאךְ וָואס מוֹהֲרַאַ"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים; מוֹהֲרָאַ"שׁ הָאט גֶענוּמֶען דִי וֶועג פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן עֶס אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט פַאר אוּנְזֶער דוֹר, וָואס דִי וֶועלְט אִיז אִיבֶּער גֶעקֶערְט - אַז מִיר זָאלְן עֶס אוֹיךְ קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין אוּן קֶענֶען לֶעבְּן דֶערְמִיט.

אִיבֶּער דֶעם קָאנֶען מִיר שׁוֹין נִיט אַרוֹיף גֵיין ווִידֶער אִיטְלִיכֶער אִין זַיין אָרְט אַרַיין עֶר זָאל נֶעמֶען זַיין כֹּחַ. נָאר דִי רְשִׁימָה וָואס בַּיי אִיטְלִיכְן אִיז גִיבְּלִיבְּן (כְּלוֹמֶר דֶער צֵייכִין דְהַיְינוּ דָאס בִּיסְל כֹּחַ וָואס סֶע אִיז נָאךְ בַּיי אִיטְלִיכְן גִיבְּלִיבְּן פוּן לַאנְג) אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר גְרוֹיס. אוּן אוֹיבּ דֶער גִיבּוֹר (וָואס דִי מְדִינָה הָאט פַאר אִים מוֹרָא גִיהַאט) אִיז דֶער גִבּוֹר פוּן דֶעם מֶלֶךְ. אִיז עֶר בְּוַדַאי זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער גִבּוֹר (דָאס הָאט אַלְץ דֶערְצֵיילְט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה פַאר דִי לַייט הַנַ"ל) אוּן זֵיי הָאבִּין אוֹיס גִיהֶערְט זַיינֶע רֵייד אוּן הָאבִּין זִיךְ זֵייעֶר פַארְוואוּנְדֶערְט. אוּן זֵיי הָאבִּין שׁוֹין גִיהַאלְטִין דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה בַּיי זִיךְ. אוּן זֵיי הָאבִּין אִים שׁוֹין נִיט גִיוָואלְט אַוֶועק לָאזִין פוּן זִיךְ (וָוארִין טָאמֶער דֶער גִבּוֹר וָואס עֶר ווִיל אָנְקוּמֶען אוֹיף זֵיי. אִיז עֶר דֶער גִבּוֹר פוּן דֶעם מֶלֶךְ הַנַ"ל וָואס דֶער בַּעַל תְּפִלָּה קָאן זִיךְ מִיט אִים).

## דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעוֶוען גוֹלָמִים

דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע לִימוּד; אָט זֶענֶען דִי מֶענְטְשְׁן גֶעוֶוען גוֹלָמִים, זֵיי זֶענֶען גֶעלִיגְן אִין אַזַא פְּלָאנְטֶער, אִין אַזֶעלְכֶע צֶעדְרֵייטֶע שִׁיטוֹת, זֵיי הָאבְּן מַקְרִיב גֶעוֶוען קָרְבָּנוֹת פַאר זֵייעֶרֶע גָאטְן, אוּן עֶס הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעקוּקְט אַז זֵיי הֶערְן זִיךְ צוּ צוּם בַּעַל תְּפִלָּה, פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גֶערֶעדְט צוּ זֵיי, אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אוּן יֶעצְט ווִילְן זֵיי אִים נִישְׁט אַוֶועק לָאזְן.

## זַיין קַאר אִיז אַ מַלְאָךְ...

דָאס זֶעט מֶען בְּחוּש, וִוילַאנְג עֶס גֵייט גוּט פַאר אַ מֶענְטְשׁ, אַלֶעס אִיז פַיין אוּן וואויל, מַאכְט עֶר פוּן דָאס גֶעלְט אַ גָאט, עֶר גְרוֹיסְט זִיךְ מִיט זַיין פַארְמֶעגְן, "מַיין **קַאר אִיז וֶוערְד כַּךְ וְכַךְ גֶעלְט", מַיין הוֹיז אִיז וֶוערְד כַּךְ וְכַךְ גֶעלְט**", זַיין קַאר אִיז אַ מַלְאָךְ אוּן אַ גָאט... אוּן עֶר וואוּנְדֶערְט זִיךְ נָאךְ: "**פַארְוָואס דַארְף מֶען דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה? פַארְוָואס דַארְף מֶען הָאבְּן אַזוֹיפִיל הִתְחַזְּקוּת?**" אָבֶער וִוי נָאר עֶס הֵייבְּט אִיבֶּער גֵיין, דֶער גִבּוֹר קוּמְט נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער, דַארְף עֶר שׁוֹין הָאבְּן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה וָואס זָאל אִים מְחַזֵּק זַיין צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דֶער גִבּוֹר הַנַּ"ל אִיז אַלֶע מָאל צוּ גִיקוּמֶען נֶענְטֶער צוּ דֶער מְדִינָה אוּן עֶר הָאט אַלֶע מָאל גִישִׁיקְט זַיינֶע שְׁלוּחִים צוּ זֵיי. בִּיז עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּ דֶער מְדִינָה אוּן עֶר הָאט זִיךְ גִישְׁטֶעלְט אוּנְטֶער דֶער שְׁטָאט אוּן הָאט צוּ זֵיי אַרַיין גִישִׁיקְט זַיינֶע שְׁלוּחִים. (אַז זֵיי זָאלִין אִים זָאגִין וָואס זֵיי ווִילִין צוּ אוּנְטֶער גִיבִּין זִיךְ צוּ נֵיין כַּנַּ"ל) הָאבִּין זֵיי זֵייעֶר גְרוֹיס מוֹרָא גִיהַאט פַאר אִים. הָאבִּין זֵיי גִיבֶּעטִין דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה. אַז עֶר זָאל זֵיי אֵיין עֵצָה גֶעבִּין.

## דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט גֶע'פּוֹעֶל'ט

דָא הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה שׁוֹין גֶע'פּוֹעֶל'ט בַּיי זֵיי, אוּן זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן פָאלְגְן דִי עֵצוֹת פוּנֶעם בַּעַל תְּפִלָּה. זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי וַוייט פוּנֶעם אֱמֶת, הָאט דֶער גִבּוֹר גֶעמַאכְט זֵיי זָאלְן זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַזוֹי פְּלוּצְלִינְג

מֶען דַארְף אָבֶער וִויסְן, וֶוען דֶער גִבּוֹר קוּמְט אִיז שׁוֹין זֵייעֶר בִּיטֶער הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ. אַ אִינְגֶערְמַאן אִיז דִי וָואךְ גֶעקוּמֶען צוּ מִיר, עֶר אִיז אַ גֶעלוּנְגֶענֶער סוּקְסֶעסְפוּלֶער אִינְגֶערְמַאן, אַ מִילְיָאנֶער, אוּן אִיז נֶעבֶּעךְ נִישְׁט גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן, אוּן עֶר הָאט דָא בְּרִידֶערְ'ס אִיז עֶר גֶעקוּמֶען בֶּעטְן אַ בְּרָכָה. עֶר הָאט אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיס קוּמֶען פוּן קַאר פוּן גְרוֹיס שְׁוַואכְקֵייט, עֶס הָאט אִים גֶעדוֹיעֶרְט אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה אַרוֹיס צוּ קוּמֶען פוּן זַיין קַאר מִיט זַיין שְׁטֶעקְן, הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט: "**קֵיינֶער הָאט מִיר נִישְׁט גֶעפְרֶעגְט קַיין רְשׁוּת פַארְדֶעם אוֹיבּ אִיךְ וִויל קְרַאנְק וֶוערְן...**" עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַזוֹי פְּלוּצְלִינְג הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ. דֶערְפַאר דַארְף מֶען גֶעדֶענְקְן נָאךְ אֵיידֶער דֶער גִבּוֹר קוּמְט אָן, צוּ גֵיין אִין שׁוּל דַאוְוענֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, אוּן קוֹבֵעַ זַיין שִׁיעוּרִים.

## מֶען הַאלְט אִינְמִיטְן בּוֹיעֶן בִּיזְנֶעסֶער...

פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט מַאכְן אַ שִׁיעוּר? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט קוּמֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַבִּיסְל? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט קוּמֶען אִין שׁוּל דַאוְוענֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב?! אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ קִינְד פְלֶעג אִיךְ זֶען פִינְף אַזֵייגֶער וִוי דִי עֶלְטֶערֶע בַּעֲלֵי בַּתִּים פַארְמַאכְן זֵייעֶר בִּיזְנֶעס אוּן גֵייעֶן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ לֶערְנֶען, דִי שׁוּלְן זֶענֶען גֶעוֶוען גֶעפַּאקְט, אוּן הַיינְט זֶעט מֶען דָאס נִישְׁט, אִינְמִיטְן דִי וָואךְ זֶענֶען דִי בָּתֵּי מֶדְרָשִׁים לֵיידִיג, וואוּ אִיז כְּלַל יִשְׂרָאֵל? מֶען הַאלְט אִינְמִיטְן בּוֹיעֶן בִּיזְנֶעסֶער... קוּם אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אָדֶער מַאךְ אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ בַּיי דִיר אִינְדֶערְהֵיים, נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת, אַ גְמָרָא אָדֶער אַ חוּמָשׁ אוּן לֶערְן אַבִּיסְל דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

## וֶוען גֵייט זִיךְ אָנְהֵייבְּן דִי יִשּׁוּב הַדַּעַת?!

מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אַזוֹי אַרַיין גֶעטוּן אִין בִּיזְנֶעס אַ גַאנְצְן טָאג, זַייעֶנְדִיג פַארְנוּמֶען מִיט אֵייגֶענֶע בִּיזְנֶעס, מֶען כַאפְּט אָבֶער נִישְׁט 'פַארְוָואס דַארְפְסְטוּ הָאבְּן אַן אֵייגֶענֶעם בִּיזְנֶעס?' - אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶערֶעדְט דֶערְפוּן פַארְגַאנְגֶענֶע לֵייל שִׁישִׁי [פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ] בַּיים שִׁיעוּר, אָבֶער אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט אוֹיסְגֶערֶעדְט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט נָאכְמֶער רֶעדְן דֶערְפוּן - עֶס אִיז אַזַא רַחְמָנוּת אוֹיף אִינְגֶעלַייט; וָואס אִיז דִי גַאנְצֶע סִיבָּה פַארְוָואס מֶען עֶפְּנְט אַן אֵייגֶענֶעם בִּיזְנֶעס? פַארְוָואס לוֹינְט זִיךְ עֶס? וַוייל אַזוֹי הָאט מֶען יִשּׁוּב הַדַּעַת! אָבֶער אַז דָאס בְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַּעַת, פַארְוָואס לוֹינְט זִיךְ דִי גַאנְצֶע זַאךְ? וֶוען גֵייט זִיךְ אָנְהֵייבְּן דִי יִשּׁוּב הַדַּעַת?! מֶען עֶפְּנְט אַ בִּיזְנֶעס כְּדֵי מֶען זָאל זִיצְן פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה מִיטְ'ן טֶעלֶעפָאוֹן נִישְׁט הָאבְּנְדִיג מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער גָארְנִישְׁט?!

## אַרְבֶּעטְן אִין מַצָּה בֶּעקֶערֵיי

אֶפְשָׁר לוֹינְט זִיךְ צוּ זוּכְן אַן אַנְדֶערֶע דְזְשַׁאבּ, אֶפְשָׁר לוֹינְט זִיךְ צוּ אַרְבֶּעטְן אִין מַצָּה בֶּעקֶערֵיי, גִיסְן וַואסֶער וְכַדּוֹמֶה; הַיינְט אִיז דָאס אַ הֶערְלִיכֶע פַּרְנָסָה, פִינְף אַזֵייגֶער קֶען מֶען זִיךְ אָנְטוּן דִי מַאנְטְל אוּן אַהֵיים גֵיין צוּ דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער מִיט אַ חֵרוּת הַמּוֹחִין, אוּן הָאבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים.

## דְרֵייוו אַ בָּאס

אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר אַ אִינְגֶערְמַאן, מַאךְ זִיךְ סִ"י דִ"י עֶ"ל לֵייסֶענְס אוּן דְרֵייוו אַ בָּאס; הַיינְט אִיז דָאס זֵייעֶר אַ גוּטֶע פַּרְנָסָה, מֶען צָאלְט דֶערוֹיף זֵייעֶר שֵׁיין, [בְּעֶרֶךְ פֶערְצְן פוּפְצְן הוּנְדֶערְט דָאלֶער אַ וָואךְ], מֶען אַרְבֶּעט צְוֵויי שָׁעָה אִינְדֶערְפְרִי אוּן צְוֵויי שָׁעָה נָאכְמִיטָאג, אוּן דֶערְנָאךְ זִיצְט מֶען רוּאִיג מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

## אִין דִי שְׁפֶּעטֶערֶע יָארְן...

וִוי לַאנְג זֶענֶען דֶען דִי יָארְן וִוילַאנְג אַ אִינְגֶערְמַאן קֶען קוּמֶען, גֵיין, אוּן לוֹיפְן? צֶען, צְוָואנְצִיג יָאר! אוּן אַז מֶען בְּרֶענְגְט אַרַיין דִי אָפִיס אִינְדֶערְהֵיים פַארְלִירְט מֶען נָאכְדֶעם דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ, מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס, אוּן אִין

די שְׁפֶּעטֶערְע יָארְן וֶועלְן דִי קִינְדֶער נִישְׁט וֶועלְן קוּקְן אוֹיף זֵייעֶר טַאטֶע!

## אִיךְ לַאךְ פוּן דִיר

עֶס זֶענֶען דָא וָואס לַאכְן אָפּ פוּן דִי אִינְגֶעלַייט וָואס אַרְבֶּעטְן אִין מַצָה בֶּעקֶערַיי, אָבֶּער אִיךְ לַאךְ פוּן דִיר וָואס דוּ הָאסְט גֶארְנִישְׁט אִין לֶעבְּן; אַז מֶען אִיז אַ גַאנְצְן טָאג פַארְנוּמֶען מִיט בִּיזְנֶעס, בִּיזְנֶעס, בִּיזְנֶעס... גֶעלְט, גֶעלְט, גֶעלְט... הָאט מֶען נִישְׁט קֵיין ווַייבּ, נִישְׁט קֵיין קִינְדֶער, אוֹיסֶער אֵיין זַאךְ "דִי טֶעלֶעפָאוֹן"...

## דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן מֵעֹמֶק הַלֵב:

עֶס אִיז דָא דִי צַייט וֶוען מֶען אַרְבֶּעט אוּן עֶס אִיז דָא דִי צַייט וֶוען מֶען אִיז מִיט דִי ווַייבּ אוּן קִינְדֶער; **"בְּרֶענְג נִישְׁט אַהֵיים דַיין אָפִּיס! בְּרֶענְג נִישְׁט אַהֵיים דַיין טֶעלֶעפָאוֹן!"**

## פַארְוָואס דַארְף אִיךְ עֶס הָאבְּן?

לָאמִיר נִישְׁט ווַארְטְן בִּיז דֶער גִבּוֹר קוּמְט, נָאר פַארְדֶעם אוֹיסְהֶערְן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה, דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, לָאמִיר נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוֹיף דֶעם אַלֵיינְס: **"הֵיילִיגֶער בָּאשֶׁעפֶער, אִיךְ בִּין אַ נִישְׁט גֶעזוּנְטֶער מֶענְטְשׁ, אִיךְ בִּין פִיר אוּן צְוַואנְצִיג שָׁעָה צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ מַיין טֶעלֶעפָאוֹן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, פַארְוָואס דַארְף אִיךְ עֶס הָאבְּן?"**

## אַ הַאלְבֶּע מֹחַ אִין אָפִּיס

עֶס אִיז דָאךְ אַזַא שְׁלֶעכְטֶע גֶעפִיל פַאר אַ פְרוֹי אַז זִי רֶעדְט צוּ אִיר מַאן אוּן עֶר אִיז נִישְׁט דָא, זִי ווַארְט אַ גַאנְצְן טָאג אִיר מַאן זָאל אַהֵיים קוּמֶען, אֵיינֶער זָאל אִיר אוֹיסְהֶערְן, אוּן וֶוען עֶר אִיז שׁוֹין אִינְדֶערְהֵיים אִיז עֶר מִיט אַ הַאלְבֶּע מֹחַ אִינְדֶערְהֵיים אוּן אַ הַאלְבֶּע מֹחַ אִין אָפִּיס, זַייעֶנְדִיג פַארְנוּמֶען יֶעדֶע מִינוּט צוּ קוּקְן וָואס דֶער זָאגְט אוּן וָואס יֶענֶער זָאגְט.

## עֶפֶּעס טוֹיג נִישְׁט מִיט דִיר!

מֶען קֶען הֶערְן ווִי אִינְגֶעלַייט זָאגְן: **"אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין גֶעדוּלְד צוּ זַיין אִינְדֶערְהֵיים, מַיין ווַייבּ אִיז אַ גַאנְצְן צַייט פַארְנוּמֶען צוּ דֶערְצֵיילְן אִירֶע שְׁטוּתִים 'מַיין מַאמֶע אוּן מַיין שְׁוֶועסְטֶער', 'מַיין שְׁוֶועסְטֶער אוּן מַיין מַאמֶע'... לָאמִיךְ שׁוֹין אָפּ! לָאמִיךְ לֶעבְּן! לָאמִיךְ הָאבְּן אַבִּיסְל סְפֶּעי"ס [מְנוּחָה]!'** " - פְרֶעג אִיךְ דִיר: אַזוֹי רֶעדְט מֶען צוּ אַ ווַייבּ?! פַארְוָואס זָאל נִישְׁט זַיין "סְפֶּעי"ס" זִיצְן מִיט דִי ווַייבּ אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט אִיר?! אוֹיבּ דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין סְפֶּעי"ס מֵיינְט אַז עֶפֶּעס טוֹיג נִישְׁט מִיט דִיר!

## אַ רַחֲמָנוּת'דִיגֶע נְשָׁמָה...

אַרוֹיס גֵיין צוּ חֲבֵרִים אִיז נִישְׁט סְפֶּעי"ס, אַ מֶענְטְשׁ בְּלַייבְּט נִישְׁט מִיט זַיינֶע חֲבֵרִים, מֶען גֶעדֶענְקְט נִישְׁט דִי חֲבֵרִים פוּן פַארְיָאר, פוּן פַאר צְוֵויי יָאר, אוּן פַאר דְרַיי יָאר צוּרִיק, מֶען קוּקְט אֲפִילוּ נִישְׁט אוֹיף זֵיי. אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֵיין חָבֵר, זַיין ווַייבּ; אַ רַחֲמָנוּת'דִיגֶע נְשָׁמָה וָואס וואוֹינְט שׁוֹין יָארְן מִיט אִים, זִי ווַאשְׁט זַיין וֶועשׁ, זִי גְרֵייט אִים אָן זַיינֶע זַאכְן, זִי זָארְגְט פַאר אִים, אוֹיסֶער דִי ווַייבּ הָאט מֶען קֵיינֶעם נִישְׁט.

## עֶר הָאט שׁוֹין אַ גֶעלוּנְגֶענֶער מוֹפֵת...

אוּן אֲפִילוּ מִיט אַ פָּשׁוּט'ע טֶעלֶעפָאוֹן קֶען מֶען אוֹיךְ נִישְׁט לֶעבְּן אַ גַאנְצְן טָאג. וֶוען אִיךְ קוּם אַהֵיים לֵייג אִיךְ מַיין טֶעלֶעפָאוֹן אִין דִי זַייט, עֶרְשְׁט בַּיינַאכְט וֶוען דִי קִינְדֶער שְׁלָאפְן שׁוֹין קוּק אִיךְ אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאוֹן צוּ זֶען וָואס אִיךְ הָאבּ פַארְפֶעלְט... מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, כְּאִילוּ אִיךְ זִיץ אַ גַאנְצְן טָאג אוּן ווַארְט צוּ לֵיינֶען מֶעסֶעדְזֶשֶׁעס וָואס זֵיי שְׁרַייבְּן מִיר, קוּים קוּים וָואס אִיךְ לֵיין ווִיכְטִיגֶע זַאכְן, סְתָּם זַאכְן לֵיין אִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין צַייט דֶערְצוּ. צוּמָאל זֶע אִיךְ ווִי אִינְגֶעלַייט הָאבְּן מִיר גֶעשְׁרִיבְּן זֵייעֶרֶע בַּקָשׁוֹת אוּן נָאכְדֶעם שְׁרַייבְּן זֵיי אַז זֵיי ווִילְן זִיךְ בַּאדַאנְקֶען אַז זֵיי זֶענֶען גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן דוּרְךְ מִיר, אִיךְ הָאבּ אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעהַאט גֶעלֵיינְט זֵייעֶר מֶעסֶעדְזְשׁ אוּן עֶר הָאט שׁוֹין אַ גֶעלוּנְגֶענֶער מוֹפֵת...

## אִיךְ צִיטֶער דֶערְפוּן!

אֵיינֶער הָאט מִיר גֶעוָואלְט אִיבֶּער רֶעדְן אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ לֶעפְּטָאפּ אִינְדֶערְהֵיים, זָאגֶענְדִיג אַז דוּרְךְ דֶעם וֶועל אִיךְ גְלַייךְ קֶענֶען עֶנְטְפֶערְן תְּשׁוּבוֹת פַאר מֶענְטְשְׁן, אוּן אִיךְ וֶועל גְרִינְגֶער קֶענֶען מְחַזֵק זַיין מֶענְטְשְׁן, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: **"אִיךְ צִיטֶער דֶערְפוּן! אֲפִילוּ הָאבְּנְדִיג אַ פָּשׁוּט'ע טֶעלֶעפָאוֹן דַארְף מֶען הָאבְּן רַחֲמֵי שָׁמַיִם צוּ הָאבְּן גֶערְוּון פַאר אַ קִינְד, צוּ קֶענֶען לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע מִיט אַ קִינְד, אוּן אוֹיסְהֶערְן אַ קִינְד, וֶוער רֶעדְט נָאךְ מִיט אַ קָאמְפְּיוּטֶער אִיז דָאס אוּמְמֶעגְלִיךְ"**.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן נִישְׁט ווַארְטְן בִּיז דֶער גִבּוֹר קוּמְט, נָאר מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, לֶערְנֶען אַבִּיסְל יֶעדְן טָאג, אוּן דַאוֶונֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

נָאכְדֶעם הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגוּן: **"שַׁבַּת קָדְשֵׁנוּ, מַחְמַד עֵינֵינוּ, מֵאִיר עֵינֵינוּ, בִּזְכוּת רַבֵּנוּ. אַשְׁרֵינוּ אַשְׁרֵינוּ, מַה טּוֹב חֶלְקֵנוּ, שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ"**.